יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

הייגט 20 זייטען (פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע - זייט 19)

Opłata pocztowa niszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 186 | Łódź, Piątek 11 sierpnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ט מנחם אב תרצ"ג | № 186 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


## אין היינטיגען נומער • „שול און ערציהונג"

געפינט זיך א ביילאגע א. נ.


בברכת מזל-טוב חמה ולבבית אנו
מברכים את ידידינו היקר ש"ב מר
**אברהם נ"י אלנברג**
לבואו בברית הנשואין עם ב"ל מרת
**יהודית תחי' אלנברג**
יזכו לבנות את ביתם על הרי ציון וירושלים.
האחים: נחום זעליג ואברהם באנדוס
יחיאל העבער
4118 לאדז, בחודש מנחם אב תרצ"ג.

**שטריק-נאָדלען!**

רעקלאַמע-חודש! —:— רעקלאַמע-חודש!

איבעראַשענדע נייעס פאַר אלע שטריקער-
און שטרימף-פאַבריקאַנטען!
שווייצארישע נאָדלען, פרימא קוואַליטעט צו אַלערליי
סיסטעמען שטרימף- און שטריק-מאַשינען שוין דא
אויף לאגער און זענען צו בעקומען אין דעם
איבעראַל-בעקאַנטען הורט- און דעטייל-געשעפט

**ד. דיבין, לאדז**
**11. ליסטאָפּאַד 2** (פריהער קאָנסטאַנטינער
ביי פרייהייטס-פלאַץ). טעלעפאָן 151-12

אכטונג!
**פון 10. יולי א רעקלאַמע-חודש**
פאַר דעטייל-פערקויף פון אַלערליי שטרימף-
און שטריק-נאָדלען צו אויסערסט ביליגע פרייזען.

שטריק-נאָדלען — שטרימף-נאָדלען



**OSTRZEGAM**
przed wynajęciem lub podnajęciem lokalu handlowego od firmy 4110
**S. GRZEGORZEWSKI, BYDGOSZCZ, STARY RYNEK 18,**
ponieważ lokal ten firma S. Grzegorzewski wypowiedziała najem z dniem 1 czerwca 1933, kto by wynajął narazić się może na koszta i eksmisję; ten lokal jest tylko do dyspozycji mojej. Administrator domu.



**Z pr. szk. państw.**
7-קל. מענער-שולע פון
**ש. שולדענרייך**
**29 פּאָלודניאָווא 29**
עם גן-ילדים איז די געוואוינטענע שולע פאַר קינדער, וואָס
די עלטערן ווילען זיי געבען צוזאַמען מיט וועלטליכע בילדונג
א שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע
לעהרע אין תנ"ך, העבּרעאיש ווי אויך אין תלמוד.
דאָס לעהר-פּערסאָנאַל בעשטעהט פון די בעסטע פּעדאַגאָגישע
קרעפטען. אין פאָרבערייטונגס-קלאַס ווערען אנגענומען שילער
פון 5 און א האַלב יאָהר, אָהן שום קענטניש.
איינשרייבונגען טעגליך אין אַלע קלאַסן פון 9–2 און פון 4–6 נ"מ
די למודים הויבען זיך אָן זונטאָג, דעם 20-טען שרפּיען ד. י.



דער פעראיין
**פאַר יודישע שולען אין לאדז**
מאַכט בעקאַנט, אַז דאָס איינשרייבען פון שילער און שילערינס אין די
גימנאַזיעס פון פעראיין און אין פאָלקסשול-קלאסען ביי די דאָזיגע גימנאַזיעס
קומט פאַר אין די קאַנצעלאַריעס פון דער

**ערשטער מענער-גימנאַזיע,**
מאַגיסטראַצקאַ 21, טעל. 134-11
**צווייטער מענער-גימנאַזיע,**
מאַגיסטראַצקאַ 22, טעל. 134-12
**פרויען-גימנאַזיע,**
פּיראַמאָוויטשאַ 6, טעל. 127-95
פון 10 ביז 2 נאָכמיטאָג.

אין ערשטען פאָלקסשול-קלאַס (די ביז-איצטיגע א קלאַס) ווערען אנגענומען
קינדער פון זעקס יאָהר אָן.
דער שכר-למוד איז פערקלענערט געוואָרען.
פון אָנהויב שול-יאָהר ווערט געעפענט אין צענטר שטאָט אויף שענקעוויטשא 26
**א מאָדערנע פרעבעל-שול**
איינשרייבונגען אין דער דאָזיגער פרעבעל-שול ווערען אָנגענומען אין דער
קאַנצעלאַריע פון דער פרויען-גימנאַזיע, פּיראַמאָוויטש 6.



די ליטונג פון די ערשטע ארטאדאקסישע
לערן- און ערציהונגס-אנשטאַלטען
**„דרכי נעם"**
פון גרשון אלי' ליסס אין לאָדז
**ערשטער „דרכי נעם", קילינסקיעגא 50** טעל. 215-26
**צווייטער „דרכי נעם", אל. 1-טער מאַי 20** טעל. 200-43
מאכט בעקאַנט, אַז די בחינות און עקזאַמענס צום נייעם שול-
יאָהר 1933/34 פאַר די ניי-אָנגעקומענע תלמידים, ווי אויך פאַר די
אַלטע תלמידים, וועלכע דאַרפען נאָכאַמאָל עקזאַמינירט ווערען, הן אין די
למודי קדש, הן אין די למודי חול, הויבען זיך אָן אי"ה דינסטאָג פ' ראה
כ"ג מנחם אב (15 שערפּיען) ה. י.
די רעגולערע למודים צום נייעם שול-יאָהר, הן אין די
למודי קדש, הן די למודי חול. הויבען זיך אָן אי"ה זונטאָג פ' שופטים
כ"ח מנחם אב (20 שערפּיען) ה. י.
איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעגליך פון 9–1 און פון 4–7 אין
די קאַנצעלאַריעס ביי די אויבענדערמאָנטע לערן-אַנשטאַלטען.
די ליטונג.



דער פערמיטלער-
פערבאַנד
**69 פּיעטריק. 69**
(פריהער פיעטרקאָווער 41)
מאַכט בעקאַנט, אַז די מעקלערס, מיטגלי-
דער פון אונזער פעראיין עמפּפעהלען
א גרויסע אויסוואַהל פון פערשידענע
**וואוינונגען און לאָקאַלען**
סאָלידע און רעעלע בעהאַנדלונג.
בעמערקונג: דער פעראיין איז נישט
פערענטוואָרטליך פאַר די מעקלערס
פון פיעטרקאָווער 41.



**FABRYKA SUKNA**
**A. D. SZPIRO**
**BIAŁYSTOK**
קאמיסיאָנס-לאַגער ביי דער פירמע
**ג. שציבוק**
פעטריקאווער 61, טעלעפאן 24-000



אלע מוזען וויסען, אז... די אַלע-
מען גוט-בעקאַנטע **כעמישע**
**וועשערייי** און **פאַרבעריי**
פון 1-טען שטאָק פיעטריקאווער 21
אונטער
פירמע **א. ווידאווסקי**
איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף
**פיעטריקאווער 51**
פיליע: פיעטריקאווער 10
(די געוועזענע אין הויף)
אונזער דעוויז: בעסטע אויספיהרונג! ביליג-
סטע פרייזען! קומט און איבערצייגט זיך!
געדענקט אונזערע נייע אדרעסען!
פיעטריקאווער 51 און 10.



**8 קל. גימנאַזיום און פאָלקס-שולע**
**„בית אולפנא"**
**פיעטריקאווער 111 אל. קאשטשושקי 48** טעל. 176-46
די דירעקציע פון גימנאַזיום און פון דער פאָלקס-שולע מאַכט בעקאַנט
אז די איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען קומען פאַר טעגליך פון 10–2 נאָכמ.
דער שכר למוד פערקלענערט. פאַר שילער אבסאָלווענטען פון דער פאָלקס-
שולע ספּעציעלע דערגענצונגס-קורסען פאַר למודי קדש. די עקזאַמענס פאַר
נייע שילער הויבט זיך אָן דעם 15-טען ד. ח. די למודים דעם 20-טען ד. ח.
דירעקציע און פערוואַלטונג.



הנני מברך בברכת מזל-טוב מקרב
לבי לידידי האברך מר
**יהודה ארי' ליב פראמער**
עם הכלה
**פריידל רחל** תחי' **כאהן**
יעזור השי"ת שזיוגם עולה יפה ברוב
נחת.
שמואל יצחק רינגאַם
ורעיתו



דער פאַמיליע גאלדשטיין
צו דער פערלאָבונג פון זייער ליבע
טאָכטער
**פרל. פריידעל**
ווינשט אַ הארציגען מזל-טוב און א
גליקליכע צוקונפט.
4101 אהרן דעמשיצקי



**איינקויף** פון גאלד
זילבער
ביזשוטעריע
און לאמבארד = קוויטעם צו די
אַלערהעכסטע פרייזען געוויסענהאפטע
בעדינונג.
**I. SOŁOWEJCZYK**
פיעטרקאווער 27
(פריער שרודמיעסקא 5)



**LANDESMANN & KORNHABER**
BIELSKO.
**G. SZCZYBUK**
**ul. Piotrkowska 61**
tel. 24-000
פערטרעטונג און קאָנסיגנאַציאָנס-לאַגער
פון דער טוך-פאַבריק
**Landesmann & Kornhaber**
BIELSKO.
4117

# וואס ס'האט פאווארזעניע



אין סאלומנע, אין ־וווישניאווע און אין טשעבאטשינעק

## ביז מנחה למעריב

### א קאפעטשקעלע פאליטיק

— דו האסט געלייענט דעם בריסקער פראצעס?
— צו וואס דארף איך לייענען? איך קען איהם אויסענווייניג.

— זאג מיר, כ'בעט דיך די לאנדאנער קאנפע־רענץ איז שוין געענדיגט, צי זי דויערט נאך?
— וואס אינטערעסירט דאס דען דיך?
— כ'וויל וויסען, צי איך דארף שוין לאזען, צי כ'האב צייט אביסעל שפעטער.

## ער מוז האנדלען

### די געוואוינהייט פון א לאדזער פראצענטניק

דער היגער פראצענטניק, קרוזביק, טעלעפא־נירט אין דער רייזע־ביורא „ארביס" און פרעגט ווען ס'איז דא א צוג קיין קראקע.
— 16.55 — האט מען פון דער ביורא גע־ענטפערט.
— 16.55? — אויף גראדע 16 וואלט איך געפאהרען — האט קרוזביק געענטפערט!

## ליבע און קאלאניאל־סחורה

### פערפלאנטערטער טעלעפאן־געשפרעך

דורכ'ן טעלעפאן רעדט א פערליבט פא"ל. צו דעם געשפרעך האט זיך אריינגעפלאנטערט א צווייט געשפרעך פון צוויי קאלאניאל־סוחרים. צוליב דעם איז דער געשפרעך אזוי פארגעקומען:
— האלא, מאקס, דאס ביזטו?
— יא, דאס בין איך, מיין מלאך! וואס הערט זיך ביי דיר, קעצעלע מיינס? ווען איך הער דיין שטימעלע, פרעג איך באלד:
— ווא איז דער באזאר פון גאשטשינסקי דיוואר.
— ווי־א־ס? ווער?
— עפעס האט זיך עמיצער אריינגעפלאנטערט אין אונזער געשפרעך. — דו ביזט זיס מיין אוצר'ל...
— ווי חלב'נע ליכט, זאגט איהר? זעהר גוט, האלא! ווער האט זיך צוגעטשעפעט? וואס הערט זיך ביי דיר, מאקס?
— זייף איז שוין ווידער טייערער געווארען צו זל. אויפ'ן קילא.
— וואס פלוידערסטו?
— דאס האב איך נישט געזאגט, מיין גאלד... ווייסטו כאטש, פארוואס איך ליב דיך אזוי?
— ווייל חזיר־שמאלץ איז ווידער געשטיגען אויף 20 פראצענט...
אז איך זעה אויף דיין פנים...
— 110 קילא אייל־פארב — שוין ארויסגע־שיקט.
— דיין מיילעכל איז אזוי ווי.
— א פאס פון הערינג... בעקומט איהר גרא־טיס.
— וואס רעדסטו מאקס?
— דאס רעדט יענער לידאק, וואס האט זיך אריינגעפלאנטערט. דו ווייסט דאך מיין טייבעלע, אז פאר דיר בין איך גרייט אויף צו געבען מיי־נע גאנצע...
— מערידין? מילא, א שטראף פון גאט.
— דו הערסט דאך, אז מ'שטערט אונז. מיר מוזען איבעררייסען דעם געשפרעך. איך קוש דיר אין דיין ביסקעלע, וואס שמעקט אזוי שמאַ־ק מיש....
— קנאבעל? — האב איך נישט אויף לאגער. דאווידזע־יא! דאווידזע־יא!

—):0:(—

## אויף דער באהן

— איהר זענט מיר זעהר קענטלעך, איך האב אייך דאכט זיך, אמאל געבארגט 10 זל.
— און האב אייך אפגעגעבען?
— יא.
— אויב אזוי, בין איך נישט דערזעלבער.

## א גאלדען פאך

### שמועס צווישען צוויי ווייבער

ערשטע ווייבע: וואס מאכען איהנס צוויי זיהן?
צווייטע: א דאנק פאר דער פראגע; איינער איז א זשורנאליסט, און דער צווייטער שטארבט אויך פון הונגער.

## ער געהט „בעצאהלען"

### מיט וואס ער קען

מוטער (צום זוהן א באקער): לעאן, געה באר ארויס, דער שניידער איז געקומען באן געלד פארן אנצוג.
זוהן: זאג איהם, ער זאל אביסעל ווארטען — כ'וועל מיר באר אנטון די העזשקעס.

## אין פענסיאנאט

### די קעכין ווייסט דעם אמת

גאסט (צו דער קעכין): וויפיל קאסט אין דעם פענסיאנאט א מעהלצייט?
קעכין: 8 זלאטעס.
גאסט: זאג א וואך?
קעכין: דאס קען איך אייך נישט זאגען, ווייל קיינער איז נאך אין דעם פענסיאנאט נישט געווען קיין גאנצע וואך.

## א העכערע זאך

### אין בעגריף פון א מאדערנער פרוי

פרוי: דו ווייסט מיין מאנעלע, איך וואלט שוין געדארפט האבען א ניי קלייד.
מאן: שוין ווידער א קלייד, אפשר וואלסטו זיך אמאל געטראכט א טראכט צו זון ווענען עפעס א העכערע זאך ווי פון א קלייד?
פרוי: ביזט גערעכט; איך דארף טאקע האבען א נייעם הוט אויך.

## אין דאבראניצקי'ס האלע

### ווי אזוי כוחרים „פירהערען" זיך

אין דאבראניצקיס האלע קריגען זיך צוויי סוחרים, זאגט איינער צום אנדערען:
— הער מיך אויס, בעל־עגלה, אמת, דו ביזט דאך א קלוגער מענש?
— וואס פאר א פראגע!
— נו, אויב אזוי, דאפסטו דאך פארשטעהן, אז דו ביזט א בהמה!

—):0:(—

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בייל אגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 186 פרייטאג, דעם 11 אויגוסט 1933

## א מיטעל געגען געסט...



ליטעניק: אפשר וועל איך אזוי ארום פטור ווערן פון די בלוט־זויגערס!..

